אַן איגרתל פון ווילנע

??? ????? ???

קשיות פון קאַליפאָרניע, ענגלאַנד און אוקראַינע

קאַפּיטעלעך אידיש (ז)

פון הירשע=דוד כ"ץ, ווילנע

דער באַנוץ פון „יסודותדיק": אַ פראַגע פון לאָס אַנדזשעלעס

מיר געדענקען גוט דעם יונגן קאַליפאָרניער סטודענט פון יוריספּרודענץ יהושע מאַרקאָוויץ, אַ שומר אידישקייט וועלכער האָט צוגעשיקט נאָך פאַר קאַפּיטעלע א' אַ שאלה, פאַר=חנוכה. איי ווי ס'לויפן אַדורך די חדשים, מ'האַלט שוין ביי פסח.

אַ יונגער איד וועלכער פאַרטיפט זיך סיי אין גמרא (פאַרשטייט זיך ביי רביים וואָס לערנען אויף אידיש און ניט אויף טערקיש!), און וועלכער שטודירט בעת מעשה די וועלטלעכע אידישע שפּראַך און ליטעראַטור אין פאַרשיידענע אוניווערסיטעטן, איז שוין מדעיקרא, אַ סברא, עלול צו באַמערקן איידעלע חילוקים אינעם באַנוץ פון „די צוויי אידישן".

יהושע האָט ריכטיק באַמערקט, אַז אינעם וועלטלעכן און אַקאַדעמישן אידיש איז מען זיך נוהג צו באַנוצן מיטן וואָרט „יסודותדיק" אינעם זין פון: פונדאַמענטאַל, זייער וויכטיק, אין סאַמע צענטער פונעם ענין, אַ פראַגע וואָס מ'קען ניט אויסמיידן, וכדומה. דאָס איז אגב פאַראַלעל מיט איינעם פון די באַדייטן פון „יסודי" אינעם מאָדערנעם העברעאיש.

בשעת מעשה האָט ער אָבער באַמערקט אַז ווען זיינע רביים ריידן וועגן „אַ יסודותדיקן תוספות" אָדער „ס'איז אַ יסודותדיקע סוגיא" הייסט דאָס נאָך ניט, אַז אָטאָ דער תוספות אָדער אָטאָ די סוגיא איז צוליב אַוועלכן ניט איז טיפן פּרינציפּ מער פונדאַמענטאַל=חשיבותדיק איידער די מערסטע אַנדערע.

עס מיינט פּשוט אַז אינדעריין טרעפט מען אַ ריי פאַרשיידענע פּונקטן אָדער יסודות און ניט בלויז איינעם.

טשיקאַווע, אַוואָס איר, טייערע לייענער פון „זשורנאַל", האָט דערוועגן צו זאָגן? טונקט איינעט די פען און לאָזט פון זיך הערן.

און היות ווי ר' יהושע מאַרקאָוויץ קלייבט זיך אַריבערפאָרן בקרוב אין ירושלים עיר הקודש, ווינטשן מיר אים גרויס הצלחה, און מיר גלייבן אַז ער וועט זיך טרעפן מיט אַ סך שיינע אידן וועמען ס'וועט זיין אינטערעסאַנט דער „זשורנאַל".

אַ קאָמפּיוטער ספּעציאַליסט אין ענגלאַנד פרעגט וועגן דעם אַמאָליקן „אידיש מיטן פולן ניקוד"

פונעם סאַמע ערשטן טאָג פונעם „אַלגעמיינעם זשורנאַל", מיט קרוב פערציק יאָר צוריק, איז עס געווען די אידיי און דער טרוים פונעם גרינדער, גרשון יעקבסאָן ז"ל, אַז דער נייער „זשורנאַל" זאָל צוציִען די אַלע קרייזן און קרייזלעך פון דער שטאַרק פאַרשיידנאַרטיקער און צעשפּליטעטער וועלט פון דער היינטצייטיקער אידישער שפּראַך. מ'זאָל אַלע האָבן וואָס צו שרייבן און וואָס צו לייענען, זיצנדיק ביי איין ליטעראַרישן טיש. שוין קרוב פינף יאָר, פון זינט גרשון יעקבסאָן איז פריצייטיק אַוועק אין דער אייביקייט. נאָר איך מיין אַז דער עולם לייענער פאַרשטייט זייער גוט זיין נחת עדן וואָס זיין משפּחה, בראש מיטן אינגסטן זון, אונדזער רעדאַקטאָר יוסף יצחק יעקבסאָן נ"י, פירט אין נייע דורות אַריין ניט נאָר דעם „זשורנאַל" גופא, נאָר אויך די עצם מציאות פונעם פאַראייניקטן טיש פון אידיש שבדפוס.

און אין אָט דעם גייסט, איז עס אינגאַנצן נאַטירלעך וואָס מיר גייען אַריבער פון דעם יונגן לאָס=אַנדזשעלעס געבאָרענעם ישיבה תלמיד און צוקונפטיקן אַדוואָקאַט אויפן טיף אַמעריקאַנישן געלערנטן וויל העלטאָן, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין מאַנראָוויל, אַלאַבאַמאַ, אין 1966. ער איז ביי היינטיקן טאָג אַ סאָפטווער אויספּרואווער אין ווילטשער, אין דרום=מערב ענגלאַנד.

וויל העלטאָן גיט איבער, אַז זיין אינטערעס צו אידיש שטאַמט פון די ניינציקער יאָרן, ווען ער איז געווען אַ גראַדואיר=סטודענט אויפן געביט פון גערמאַנישע שפּראַכן אינעם אוניווערסיטעט פון דזשאָרדזשאַ. ער האָט זיך דאָרטן אויסגעקליבן פאַר אַ לינגוויסטישער טעמע אַ פראַגע וואָס איז נוגע דער פאָנעטיק פון דער אידישער שפּראַך. „פון זינט דעמאָלט" שרייבט ער פאַרן איצטיקן קאַפּיטעלע ז', „האָב איך זיך פּשוט פאַרליבט אין אידיש".

ערשטנס, פרעגט ער וואָס ער קען טאָן לטובת אידיש אין דרום=מערב ענגלאַנד. אַפדערוף וועט אפשר אַ חשובער לייענער זיך קענען טיילן מיט אַן איינפאַל?

והשנית, שטעלט ער אָט אַזאַ מין פראַגע: „איך האָב אַ קליינינקע ביבליאָטעק און דאָרטן איז דאָ אַ בוך וואָס אַ פריינט מיינער, אַ רב, האָט מיר צוגעשיקט אַ מתנה מיט אַ סך יאָרן צוריק. עס איז בפירוש אַנדערש איידער אַוועלכער ניט איז אַנדער בוך אויף אידיש וואָס איך האָב ווען ניט איז געזען: יעדער קאָנסאָנאַנט האָט אַ נקודה וואָס ווייזט אָן אויפן וואָקאַל אַזוי ווי אין דער מסורה פון לשון קודש. אַ ביישפּיל פון בוך: 'דֶער הֵייליֶגֶער תַּנַ"ךְ דֶער צֵיילט'... איך האָב מורא, אַז איך ווייס אַפילו ניט אין וועלכן יאָר ס'איז אַרויס, ווייל אויפן שער=בלאַט שטייט בלויז: 'בראָדוויי, ניו יאָרק' (אויף אידיש)".

לאָמיר אָנהייבן מיטן סוף, מיט אַן אגב אורחא וואָס איז ניט אַזוי אגב=אורחאדיק. אַז מען דרוקט איבער פאָטאָמעכאַניש אין ניו יאָרק, צי אַפילו אין ברוקלין (וד"ל), אַן אַמאָליקן ספרל אָדער ביכל (און ווער רעדט נאָך פון דער חרוב=געוואָרענער אידישער מזרח אייראָפּע), זאָל מען למען ה' ניט אָפּמעקן דעם לכתחילהדיקן יאָר, אָרט און אַרויסגעבער; דאָס איז גניבת=דעת ממש.

און איצט צום עצם ענין. אין דער אַמאָליקער אַלט=אידישער ליטעראַטור זיינען געווען גאָר זעלטענע אויסנאַם=פאַלן וואו מ'האָט געדרוקט אידיש מיטן פולן ניקוד אַזוי ווי אין חומש אָדער סידור. אַזוי זעלטן אַז אונדזערע פילאָלאָגן האָבן זיך פאַרשטענדלעך אָנגעכאַפּט אין יעדן באַקאַנטן פאַל. אַמבאַוואוסטנס: די הקדמה צו דער חומש איבערזעצונג וואָס ס'האָט אין 1560 אַרויסגעלאָזן אין קרעמאָנע ר' יהודה בר' משה נפתלי ברעש.

אַלעמערשטנס אָבער ווערט די מאָדע צו דרוקן אידיש מיטן פולן ניקוד אידענטיפיצירט מיט צוויי עפּאָכעס אין דער געשיכטע פון אונדזער מאָדערנעם מזרחדיקן אידיש. אַז מ'האָט אין פריערדיקן ניינצעטן יאָרהונדערט, דער עיקר אין גאַליציע און אוקראַינע, גענומען אַוועקוואַרפן די אַמאָליקע מערב=אידישע „משקיט" אותיות צום דרוקן אידיש (דער אַמאָליקער אשכנזישער דרוק=שריפט באַנוצט נאָר פאַר אידיש), איז מען אַריבער אויף מרובע מיט פולן ניקוד. דאָס איז געווען אַ פּראָצעס, נאַטירלעך, נאָר עד היום איז געבליבן אַמערסטנס מפורסם די איבערזעצונג פון ספר משלי דורך ר' מענדל לעפין (לעווין, סאַטאַנאָווער), וואָס איז אַרויס אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע (היינט: מערב אוקראַינע) בערך אין 1814.

מענדל לעפין (געלעבט פון 1749 ביז 1826), אַ געוועזענער תלמיד פונעם בערלינער ראש המשכילים משה מענדעלסאָן, האָט אַביסל „מורד ברבו" געווען, און אָנשטאָט צו פאַרשפּרייטן „דייטש מיט אידישע אותיות" אויפן שטייגער פון די דייטשישע משכילים, האָט ער גענומען איבערזעצן ספרים פון תנ"ך אויף אַן אמתן, פּראַכטפולן, רייכן לאָקאַלן אוקראַאיניש=גאַליציש אידיש. און דרוקן האָט ער זיין ספר משלי געלאָזט דרוקן מיט מרובע און מיטן פולן ניקוד. עס איז דערוועגן אויסגעבראָכן אַ ביטערע מחלוקת, סטייטש, וואָס איז דאָס, מען דרוקט דעם „זשאַרגאָן" מיט מרובע און פולן ניקוד. וואָס אַן אמת, די מעשה מיט דער מחלוקה איז פאַר=זיך גאָר טשיקאַווע, נאָר וואָס קען מען טאָן, רבותי אַז געהערן געהערט דאָס גאָר אַן אַנדער קאַפּיטעלע.

צום ענין איז אָט וואָס: אין משך פון צענדליקער יאָרן אין ניינצעטן יאָרהונדערט, איז די מאָדע „אידיש מיט מרובע און מיטן פולן ניקוד" געוואָרן אַ גאָר פּאָפּולערע, סיי אין טראַדיציאָנעלע קרייזן, וואו ס'איז געגאַנגען אין אַ גרויסער מאָס אין אַ טייטש=חומש, אַ טייטש=סידור, אַ טייטש=מחזור און אַנדערע היימישע ספרימלעך, סיי אין די משכילישע קרייזן, וואו מען האָט גענומען עקספּערעמענטירן מיט די נייע מערבדיקע זשאַנרען פון דער ברייטער אייראָפּעאישער וועלט (בתוכם: געשיכטע און וויסנשאַפט, ראָמאַנען, פּאָליטיק און מיט דער צייט אויך פּעריאָדישע אויסגאַבעס און צייטונגען).

דערנאָכדעם, בערך פונעם מיטן ניינצעטן יאָרהונדערט און ווייטער, איז מען אין אַלע קרייזן, פרומע אַזוי ווי ראַדיקאַלע, וואָסאַמאָל מער אַוועק פונעם פולן ניקוד (בלייבנדיק ביי מרובע), און אַריבער אויף אַ מינימום נקודות (דער עיקר: אַ, אָ און פּ).

אָבער: די טראַדיציע, וואָס מענדל לעפין איז געווען איינער פון אירע פּיאָנערן, צו דרוקן אידיש מיט פולן ניקוד איז ניט נעלם געוואָרן. אויפן קלאַסישן שטייגער פון אונדזער אשכנזיש=אידישן מהות, האָט מען מפרט געווען, מען האָט געפונען אַ ווינקל חדר וואו דער דאָזיקער גאַנג קען זיך רואיק ווייטערלעבן. נאָכמער: ווען אַ זאַך גייט אַרויס פון דער מאָדע פון טאָגטעגלעכקייט, קען די זאַך פאַרשטייט זיך פאַרגעסן ווערן, אָדער: ס'קען פאַרקערט באַקומען אַ געוויסן אָפּגלי פון קדושה און וואַרעמקייט, פון האַרציקייט וואָס דערמאָנט אָן באָבע=זיידע, וואָס ברענגט אונדז אַ שטראַל קרובהשאַפט מיט אונדזערע אבות אבותינו.

אויף אַזאַ מין אופן איז אין דער טראַדיציאָנעלער וועלט געבליבן לעבן דער גאַנג צו דרוקן, לאָמיר אָנכאַפּן, אַ טייטש=חומש אָדער אַ צאינה=ראינה מיטן פולן ניקוד, בשעת ווען ס'וואָלט היינט צו טאָג ניט איינגעפאַלן דרוקן אַפילו די פרומסטע צייטונג מיט פולן ניקוד. דער פולער ניקוד איז געבליבן אַ סימן מובהק פונעם זשאַנער הייליקע ספרימלעך אויף אידיש, און עד היום גלאַנצט עס מיט אַ הדורותדיקן גלאַנץ פון דור=דורות, מיט אַ שמץ נשמה פון דער פאַרשניטענער אַלטער היים.



משלי א ב

(א) שפּריכווערטר פון שלמה דוידס זון מלך פון
ישראל: (ב) וויא אַזוי מאַל ווייסן וואס חכמה
איז און וואס מוסר · וויא מאַל זיך פאַר שטיין אויף
קלוגי ווערטער: (ג) מאַל זיך תמיד קענין
אַשׂכּלדיקן מוסר אַרוים נעמן, צו ערליכקייט
גירעכטיגקייט און יושרות: (ד) [illegible]
[illegible] · [illegible] און איבה
לייגונג: (ה) אַחכם · מעגם אויך הערן חבר פון
ראניט ווייטר גיט און אַ פאַרשפּיצטר [illegible]
בעקומן: (ו) צו פאַר שטיין זיך אויף אַ משל און
אַמליצה · אויפן שטייגר פון חכמים מיט זייערי
פאַרשטעלטי ווערטר: (ז) יראת שמים זיים פאַר אַלי
חכמות און גיניטשאַפט בריר · נאַר נאַראַנים קאַנין
מבוזה

ערשטע זייטל פון מענדל לעפין סאַטאַנאָווערס איבערזעצונג פון ספר משלי אויף אַ היימישן אידיש, אַרויסגעגעבן אין מרובע מיט פולן ניקוד אין טאַרנאָפּאָל, בערך 1814.



אַך, נאָכאַמאָל. שוין ווייטער... גענוג שוין,
כאַווי, מיט דעם! שוין ווייטער. אַ חידוש!
אידיש! כ'האָב ניט קיין צייט רעדן אידיש
מיט די קינדער! נישטאָ ביי דיר גענוג
וועגן וואָס צו דאגהן!
איז דאגה ניש', חנו.
ביי מיר איז גראַדע דאָ צייט
רעדן מיט זיי אידיש. אַ פּשוטע מעשה:
איכ'ל רעדן אידיש. און דו רעד מיט זיי טערקיש.
אירינאַ איזשאַקינאַ

אַ אידישע איבערזעצערין אין אוקראַינע טוט אַ פרעג וועגן איר אייגענעם נאָמען: אַסיאַ, אַסיע, צי אַסיה?

די הויך=טאַלאַנטירטע איבערזעצערין פון כאַרקאָוו, אַסיאַ פרומאַן (אַזוי שרייבט זיך איבער דער נאָמען אירער פון רוסיש אויף אידיש) זעצט איבער ווערק סיי פון ענגליש און סיי פון אידיש, אויף דער רוסישער שפּראַך. זי איז אויך אַ סטודענטקע פון אידיש וועלכע פאַרטיפט זיך אין די אוצרות פון דער אידישער ליטעראַטור.

אַז ס'איז דאָ אין די קאַפּיטעלעך אָנגעקומען איר בריוו מיט דער פראַגע, וועגן דער שרייבונג פון איר אייגענעם נאָמען אויף אידיש, האָבן מיר ביי איר געבעטן, זי זאָל זיך פאָרשטעלן פאַר אונדזערע לייענער. ענטפערט זי בזה הלשון:

„איך בין אַ רוסיש=ריידנדיקע פון כאַרקאָוו, אוקראַינע. איך קען ניט אויסרעכענען גענוי אויף וויפל פּראָצענט איך בין אַ אידישע, שווער זיך אויסרעכענען מיט די אַלע לעבנס=פאַרהעלטענישן פון די אַלע באָבעס, נאָר איך רעכן, אַז איך בין אויף פינף=און=זיבעציק פּראָצענט, אָדער פינף=און=אַכציק פּראָצענט, אָדער מער, אַ איד."

קומען מיר אָן צום ענין גופא. ביי יעדן פערזענלעכן נאָמען איז חל דער פּרינציפּ פון רשות היחיד. ס'קען זיין גאָלדאַ, גאָלדע, גולדה; ס'קען זיין ראָזנצווייג אָדער ראָזענצווייג; ס'קען זיין בר=כהן, באַרקאַן, באַרקאַהן און נאָך אַנדערש. זאָל נאָר יעדער איינער זיין געזונט און גליקלעך מיט דער אויסגעקליבענער שרייבונג.

בעת מעשה איז כדאַי אָבער האַלטן פאַרן אויג, אַז יעטוועדער באַשלוס אונדזערער קען האָבן אַ סימבאָלאָגישן באַדייט אין די אויגן פון אַנדערע, פאַרן דעת הקהל, אַזוי צו זאָגן. און דאָ פאַלט עס אַלצדינג אַרויסעט פון אונדזער שליטה, ס'ווערט אַ כלל=זאַך, צי אונדז געפעלט, צי אונדז געפעלט ניט דער אופן ווי אַזוי מען קומט „אויסטייטשן" אונדזערע באַשלוסן אויך אין זאַכן פון רשות היחיד.

ס'איז אָבער ניט קיין הפקר אַ וועלט. אין טייל פאַלן קלייבט זיך אַ מענטש אויסעט אַפילו אַן אויסלייג=וואַריאַנט אויס געטריישאַפט צו דער משפּחה טראַדיציע, און ס'גייט ניט אין אַן אייגענעם באַשלוס לויט עפּעס אַ פּרינציפּ. אין אַנדערע פאַלן איז דער באַשלוס איבער דעם, ווי אַזוי מ'שרייבט זיך, בפירוש עלול אויסגעטייטשט צו ווערן אין ראַם פון אַ ריי השערות און פאַראַלגעמיינערונגען.

אין קאַפּיטעלע ה' (אין „זשורנאַל", צוועלף טעג אין אדר, דעם 26טן פעברואַר), האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט די קשיא פון פּראָפעסאָר עליסה בן=פורת (קווינז קאָלעדזש, ניו יאָרק), מכח פרויאישע נעמען אויף אידיש. מ'האָט זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט אויף די פרויאישע נעמען וואָס שטאַמען גראַדע ניט פון לשון קודש.

אַזוי אַרומעט איז די נייע פראַגע פון אַסיאַ פרומאַן פון כאַרקאָוו בפירוש פונדערפון אַ המשך.

היות ווי פרויאישע נעמען אויף אידיש שטאַמען אָפּטער אָפּעט פון די אַרומיקע לשונות, און אַזוי ווי זיי ענדיקן זיך אַמאָפּטסטן אויף אַן אומבאַטאָנטן וואָקאַל (אַ מין שוואַ קלאַנג), שטייט ביי זייער אַ סך נעמען די זעלביקע פראַגע: שרייבן מיט אַן אלף צום סוף, אַן עין, אָדער אַ הא (און אין טייל פאַלן אין היינטיקע חרדישע קהילות איז פאַראַן אויך די מעגלעכקייט פונעם זייער פּאָפּולערן יוד=קלאַנג „אי"; דאָס איז אָבער אויך אַ קאַפּיטעלע פאַר=זיך).

איז לאָמיר אַשטייגער באַטראַכטן „גאָלדע". „גאָלדע" מיט אַן עין איז דער סטאַנדאַרדער וואַריאַנט אינעם מאָדערנעם אידיש. נאָר אין טייל פאַלן ביי טראַדיציאָנעלע אידן, היט מען אויף די דור=דורותדיקע אַלט=אשכנזישע שרייבונג מיט אלף, וואָס האָט אַ גלאַנץ פון וואַרעמער, טיפער טראַדיציע (אַ גלאַנץ וואָס ציט זיך אַזש פון אַראַמיש, וואו ס'איז חל דער אלף סוף וואָרט). צום אַרויסרייד האָט דאָס אָבער ניט: די מאָדערנע שרייבונג „גאָלדע" און די טראַדיציאָנעלע „גאָלדא" רעדט מען ביידע אַרויס ניט אַנדערש: „גאָלדע".

נוצט מען אַן אלף מיט אַ פּתח ווערט דאָס פאַרקערט מאָדערניסטיש און „אייראָפּעאיזירנדיק": גאָלדאַ.

וויל מען זיך אַרויסווייזן „פאַר איוורית ממש", דאַרף מען דאַמאָלסט שרייבן: גולדה, מיט אַ הא צום סוף, נוסח העברעאיש (און מיטן וואָוו אָנשטאָט דעם קמץ=אלף).

צו „גאָלדי" אַלס כינוי אָדער צונאָמען קענען גורם זיין צוויי פאַרשיידענע מקורות: דער ענגלישער נאָמען, אָדער די היינטיקע חרדישע מאָדע פון יוד סוף וואָרט, סיי פאַר מענער און סיי פאַר פרויען (מענדי, כאַווי אָדער חווי וכו', און אַז ס'גייט שוין די רייד וועגן כאַווי'ן, טוט אַ קוק וואָס זי האָט צו זאָגן דעם מאַן אין היינטיקן שמועס=בילד צום איצטיקן קאַפּיטעלע ז').

אָט דאָס איז געווען דער משל. קומען מיר צום אינטערעסאַנטן נמשל, „אַסיאַ". וואָלט מען געקענט טייטשן, אַז:

„אַסיאַ" ווי עס שטייט און גייט איז פּשוט אַ רוסישער נאָמען וואָס היט זיך אויף זיין צורה אויף אידיש.

„אַסיע" איז אַ פאַראידישונג אין גייסט פון דער מאָדערנער אידישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור.

„אַסיה" איז אין גייסט פון היינטיקן ישראלדיקן העברעאיש.

„אַסיא" מיט אַן אלף אָן אַ נקודה צום סוף פון וואָרט זעט אויס מער טראַדיציאָנעל אַלט=אשכנזיש און האָט ווידעראַמאָל דעם חן פון אַראַמיש (אַזוי ווי ביי ביילא, גאלדא, טאלצא, פרומא וכו', און דאָס אייגענע ביי שטעט=נעמען: וואַרשא, ווילנא, קאָוונא וכו').

אין הלכות רשות היחיד איז אָבער דער פּוסק=אחרון דער יחיד, וואָס איז לחלוטין ניט מחויב אָננעמען אונדזערע „אויסטייטשונגען"!

ואחרון אחרון: מ'זאָל ניט פאַרגעסן ווי געבענטשט מיר בני אידיש זיינען, וואָס אונדז איז באַשערט אַזאַ מין רשות היחיד. אידיש איז אונדזערס. להיפּוך צו די אַלע מלוכהשע שפּראַכן וואו מען ירשנט אָפּ אַ שרייבונג אין איינעם מיטן פּאַספּאָרט, און ס'איז פאָלג מיר אַ גאַנג גיין אַריינפירן אַ שינוי ביי מלכות אין די פּאַפּירן, האָבן מיר אַ גרויסע שליטה ווי מיר שרייבן זיך אונטער. טאָ זאָל זיך יעדערער אָפּגעבן דערויף אַ דין וחשבון, און באַשליסן וואָס אים אָדער איר איז ניחא.

אַ גוטע וואָך!

www.dovidkatz.net
www.holocaustinthebaltics.com

די לייענער פונעם "אַלגעמיינעם זשורנאַל" ווערן פאַרבעטן אַריינשיקן מיט עלעקטראָנישער פּאָסט ("אי=מייל") זייערע שאלות און ענינים מכח אידיש. מען בעט אַז די בריוולעך זאָלן זיין קורץ און צו דער זאַך, מ'זאָל אומבאַדינגט שרייבן עטלעכע ווערטער וועגן זיך, און דער עיקר: נאָר און בלויז מיט אידישע אותיות (ניט "אידיש מיט לאַטייניש אותיות").

דער אַדרעס: dovidkatz@vilniusuniversity.net. צום באַדויערן איז ניט מעגלעך יעדן ענטפערן פערזענלעך און פאַרדערפאַר בעט מען אין פאָרויס מחילה.